Journal of Messianic Jewish Studies

Volume 3 Article 7

2020

# The Shepherd of Israel Vo. XXIII, No. 1, Sept. 1940

Follow this and additional works at: https://digitalcommons.biola.edu/jmjs

Recommended Citation

(2020) "The Shepherd of Israel Vo. XXIII, No. 1, Sept. 1940," *Journal of Messianic Jewish Studies*: Vol. 3 , Article 7.
Available at: https://digitalcommons.biola.edu/jmjs/vol3/iss1/7

This Article is brought to you for free and open access by the Charles Feinberg Center at Digital Commons @ Biola. It has been accepted for inclusion in Journal of Messianic Jewish Studies by an authorized editor of Digital Commons @ Biola. For more information, please contact university.archives@biola.edu.



# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רעה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת־דיגען משיח

Subscription Price 50 Cents a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

Vol. XXIII No. 1
SEPTEMBER, 1940

## טראצקי האט זיך אויסגעטראצקעט

מיט א צושפאלטענעם קאפ, צוהאקט דורך דער האנד פון א רוצח, האט לעוו בראנשטיין, וואס איז אויך בעקאנט געווען אלס לעאן טראצקי, אויפגעגעבען זיין "טראצקי" נשמה און איז ארויסגעגאנגען אין א וועלט וואס האט איהם אודאי אויפגענומען מיט אזעלכע העלישע פלאם־פייערדיגע יסורים וואס קיין מענש קאן זיך מיט א באשרענקטען פערשטאנד גאר נישט פארשטעלען.

עס איז לגמרי אוממעגליך פאר א מענש אויסצוטראכטען עפעס א מין קוואל און שרעק וואס וועט קאנען בעצאהלען פאר'ן שרעקליכען גיהנם וואס דיזער מענש האט געבראכט אויף דער וועלט צו אונצעהלבארע מיליאנען פון הילפלויזע און אונשולדיגע מענשען.

שוין באלד 2000 יאר האט ישוע המשיח עפעס געזאגט וועגען דעם ענין וואס האט זיך געצייגט ווידער און ווידער צו זיין אמת. עס איז אט וואס: „די וואס נעמען דאס שווערד, זאלען אומקומען דורך דאס שווערד" (מתי' 26, 52.) און אזוי האט דיזער שרעקליכער טייפעל מיט דער קראפט און פעהיגקייט פון שטן גופא אצינד אויסגעפינען, אז ער קאן זיך נישט חוצפה'דיג געגען שטעלען גאט ב"ה.

מיט ווילדע און גרויזאמע ברוטאליטעט האט דיזער טראצקי באפוילען אויסצומארדען פיעלע טויזענטע און פיעלייכט מיליאנען פון מענשען.

זיינע אייגענע בלוט־פערוואנדטע, אידען, ווי אויך גוים זיינען געווען גלייכע קרבנות פון זיינע גרויזאמקייטען, זאגאר אטעאיסטען וואס האבען אזוי נעגלויבט ווי ער, אז עס איז נישטא קיין גאט, האבען אויך געליטען ווען זיי האבען נישט איבער־איינגעשטימט מיט איהם.

אהן וועלכע מענשליכע געפיהלען און מיט ברענענדען גרימצארן, העפטיגער ווי אפילו ווי די ווילדקייט פון רוימישען נערא, וואלט דיזער מאן קאלט בלוטיג גע'הרג'עט זיין אייגענעם זאהן און אייגענע טאכטער ווען דאס וואלט געפאסט צו זיין פלאן.

אוועק ביסטו אצינד טראצקי־בראנשטיין פון דיזען לעבען און מיר קאנען דיר מעהר נישט העלפען. דו ביסט אצינד אין די הענד פון א גערעכטען גאט וועלכער וועט שוין געפינען א וועג דיר צו באצאלען כאטש א קליינעם טייל פון דער קוואל און שרעקליכע לײדען וואס דו פארדינסט. אזוי לאנג דו האסט געלעבט איז נאך תמיד געווען א האפנונג פאר דיין פינסטערער נשמה, ווייל ישוע המשיח האט מיט ליעבע תמיד געהאט אויסגעשטרעקט זיינע גנאדע־הענד צו דיר, ווארטענדיג דו זאלסט תשובה טאן, "ווייל גאט האט די וועלט אזוי געליעבט, אז ער האט געגעבען זיין איינגעבוירענעם זאהן כדי אלע וואס וועלען גלויבען אין איהם זאלען נישט פארלוירען ווערען זאנדערן האבען עוויגעס לעבען." יוחנן 3.

אבער דו האסט דאס פארווארפען און אצינד קאן קיינער דא אויף דער ערד דיר נישט העלפען. א מיליאן תפילות פאר די טויטע, "קדיש" וואס עס העלפט ווי א טויטען באנקעס, קאן דיר קיינמאל נישט ברענגען די קלענסטע ערלייכטערונג. דיין צונג מוז איצט אויסגעדארט ווערען פאר דורשט און פון היץ פון די פייערס פון העל.

מיר קאנען צו דיר נישט זאגען "דו זאלסט רוהען אין פריעדען", ווען מיר זאלען דאס טהון וואלטען מיר געטרעמפעלט אונטער אונזערע פיס אונזערע אינערע געפיהלען פון אנשטענדיגקייט און אונזערע ערקענטניסע פון גאט פון גערעכטיגקייט.

עס איז אבער דא א זילבער ליינונג צו דיזער שווארצער כמארע און דאס איז: אז אפשר, אפשר וועט כאטש א י י ן איינציגער יונגערמאן אדער א י י ן איינציגע יונגע פרוי וואס וועט זעהן און לעזען דיזע צייל, וועט בעלייכטעט ווערען פון גאט און זעהן עפעס ווייטערעס און העכערעס. נעמליך, דאס, דאס הייל און זיכערקייט אויף עוויגעם לעבען איז מעגליך דא פאר יעדען וואס וויל אננעמען ישוע המשיח וועלכען מר. בראנשטיין אדער טראצקי האט מיט א טייפלישער נייגונג פארווארפען און האט נור געבראכט יסורים אויף דעם מיט־מענש מיט וועם ער האט דא געלעבט.

דער אנבאט איז נאך אפען און אט ווי ער לעזט זיך :

"דער וואס גלויבט אין איהם איז נישט פאר־משפט, אבער דער וואס גלויבט נישט איז שוין פאר'משפט, ווייל ער האט נישט געגלויבט אין נאמען פונ'ם איינציגען זאהן פון גאט. און דאס איז דאס געריכט, אז דאס ליכט איז געקומען אין דער וועלט און די מענשען ליעבען די פינסטערניס בעסער ווי דאס ליכט, ווייל זייערע ווערקע זיינען שלעכט (יוחנן 3, 18, 19)

און אזוי איז טראצקי ארונטער צום קבר אומבעווײנט אונגעעהרט און אהן געזאנג, גלויבען מיר, אז די גאנצע וועלט אטהעמט איצט פרייער־אויף זייט דער טייפעל האט דעם קאפ אנידער געלעגט. ווי אזוי וועט עס זיין מיט דיר ליעבער לעזער ?

---

## קומט צו אונזערע מיטינגס

ווען איהר זענט פערצאגט און איהר ברויכט א העלפער. ווען איהר זענט אין טרויער און זוכט א טרייסט. ווען איהר זענט איינזאם און איהר ברויכט א גוטען פריינד. ווען אייער נשמה זוכט עפעס העכערעס ווי נור מאטעריאלע זאכען. דאן קומט צו אונזערע מיטינגס

פרייטאג נאכט 8 אוהר
זונטאג נאכט 8 אוהר

איהר וועט הערען מיוזיק, וואס וועט באלעבען אייער נשמה, א דרשה פון דבר ד' וואס וועט אייך ארויפשטעלען אויפ'ן פונדאמענט וואס שטעהט פעסט פאר אימער. פריינדע וואס וועלען העלפען אייער לעבענס וועג, צו ווערען אביסעל לייכטער — קומט און ברייננגט אייער פאמיליע.

אונזער מיטינג־הויז איז אין טרופ עוועקאר. וואלטען סטריט, ברוקלין.

נעמט לארימער סט. קאר אדער בראדוויי "על" אדער אירגענד וועלכע קאר וואס געהט אויף בראדוויי. איהר קענט אויך קומען ביי די 8־טע עוו סאבוויי, דזשי טריין און סטאפט בראדוויי יוניאן סטריט סטיישאן.

## א שאנדע פאר'ן אמעריקאנער אידענטום.

מיט גרויס חרפה און ענטײשונג האבען מיר פאר איניגע מאנאט צוריק געלעזען אין דער טעגליכער פרעסע דאס פאלגענדע שטיקל נייעס:

דער פעראייניגטער אידישער אפיעל פאר די אייראפעאישע טרויריגע לאגע בכלל און פאר

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y. Entered as Second Class Matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Accepted for mailing at special rat of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917. Authorized December 30, 1937.

**The lead article contains a highly descriptive account of the assasination of exiled Communist leader Leon Trotsky, then living in Mexico, that included a Yiddsh play on words with his name, which means 'fractious, provocative or obstinate.'**